## פארוואס גייט מען מיט אזא עקסטרעם קעגן טעכנאלאגיע?

ס'איז דא זייער אסאך אנשים, נשים וטף, פון קליינע ביז גרויסע, וואס שטעלן אוועק א שאלה. מ'זעט אז ס'קומען ארויס גליונות בענין טעכנאלאגיע, מ'הערט דרשות, מ'מאכט גדרים וסייגים, און מ'מאכט קבלות טובות. אבער ס'איז דא א געוויסע שאלה וואס שטערט זייער אסאך מענטשן; די שאלה וואס שטערט זיי איז, אז ס'זעט אויס אביסל ווי מ'גייט צו אן עקסטרעם. די אלע שרייבערס, די רבנים און די עסקנים, גייען אויף א זייער שטארקן עקסטרעם. דער עקסטרעם איז גארנישט צו האבן, שטענדיג צו זיין אויף די זייט פון די אוסרים – די וואס זאגן אז מ'טאר נישט און מ'זאל נישט – און זוכן א פעלער אין יעדע זאך, טרעפן א חסרון, און זוכן א סיבה פארוואס מ'זאל גארנישט לאזן. ס'איז נישטא קיין גליונות וואס זענען אינדערמיט, און ס'איז נישטא קיין בעלי דרשנים וואס זענען אינדערמיט. פארוואס? פארוואס גייט יעדער מיט אזא עקסטרעם אין אלע ענינים וואס האבן צו טון מיט טעכנאלאגיע?

## דער יסוד פון גדרים וסייגים און יראת שמים

ס'איז נישט קיין זאך וואס מ'קען ענטפערן אזוי אויף איין פוס, אבער מיר וועלן פרובירן עס צו געבן צו פארשטיין מיט א קורצע תשובה.

אין ספר "דעת הרבנים" ברענגט דער מחבר צוזאמען אסאך מכתבים. מכתב י"ט איז א בריוו פון רבי נח פיאסעצנער זצ"ל, וואס איז געווען דער רב אין פיאסעצנא, און דער בריוו האט ער געשריבן אין יאר תרס"א. אינמיטן דעם בריוו שרייבט ער אזוי: סייגים – דאס מיינט גדרים וסייגים – דאס קומט פון יראת שמים.

ער ברענגט די דרשות הר"ן, וואו דער ר"ן זאגט אין די צוועלפטע דרשה אז חז"ל זאגן: "כל שיראת חטאו קודמת לחכמתו", אויב די יראת חטא קומט פאר דיין חכמה, דעמאלטס "חכמתו מתקיימת". פארוואס? ער זאגט אז ווען איינער לערנט די ווערטער פון די חכמים אבער ער האט נישט קיין יראת שמים, זענען אים אלע גזירות פון די חכמים אויס פרעמד. ער ברענגט אויף דעם א משל: חז"ל האבן גוזר געווען אז ווען ראש השנה אדער סוכות געפאלט אין שבת, אפילו מ'איז מחויב מן התורה צו בלאזן שופר אדער שאקלען לולב ואתרוג, טוט מען עס דאך נישט. די חכמים האבן גוזר געווען אז מ'טאר נישט. פארוואס? ווייל מ'האט מורא "שמא יעבירנו ד' אמות ברשות הרבים". פארוואס זאל ער עס טראגן פיר אמות אין רשות הרבים? ווייל ער וועט גיין צו איינעם וואס איז א בקי כדי יענער זאל אים אויסלערנען. ער קען נישט די הלכה, ער ווייסט נישט וויאזוי מ'בלאזט שופר, וועט ער גיין צו איינעם וואס וועט אים עס אויסלערנען. בעצם האט מען עס גע'אסר'ט פאר גאנץ כלל ישראל, פאר הונדערטער טויזנטער מענטשן ביז משיח וועט קומען, צוליב א ווייטן חשש אז אפשר וועט איינער וואס קען נישט בלאזן עס טראגן אין רשות הרבים צו א צווייטן.

ער זאגט אז פאר איינעם וואס האט נישט קיין יראת שמים, זעט דאס אויס ווי א זייער פרעמדע און נישט לאגישע גזירה, אבער ווער ס'האט יראת שמים, ביי אים ווערן די גזירות פון די חכמים אנגענומען מיט א תמימות. ער פארשטייט עס און ער דערהערט עס, ווייל ער האט יראת שמים. א ירא שמים הערט און זעט די תורה אנדערש ווי איינער וואס האט נישט קיין יראת שמים.

ער ברענגט אויף דעם א משל: א מענטש האט א גרויסן אוצר פון געלט – גאלד, זילבער, דימאנטן און פערל – און ער וויל עס באהאלטן אין א פלאץ וואו קיינער זעט נישט, און ער האט עס שוין באהאלטן. אפילו נאכדעם הייבט ער אן טראכטן: אפשר איז איינער געשטאנען פון דערווייטנס און יא געזען וואו איך האב עס באהאלטן? ס'איז זייער שווער צו טראכטן אזוי, ער שטייט דאך אונטער זיין הויז, ארום זיין הויז זענען דא גדרים, מויערן, בערג און ביימער, אבער ווייבאלד דער אוצר איז זיין גאנצע פארמעגן, ציטערט ער אפילו פון א גאר ווייטן חשש אז אפשר האט יא איינער געזען ווי ער לייגט עס דארט אריין; ער בארואיגט זיך נישט און ער קען עס דארט נישט לאזן.

דאס איז דער פשט אז ביי יעדן איינעם וואס זיין יראת חטא קומט פאר זיין חכמה, האלט זיך זיין חכמה, ווייל יראת שמים איז אן אוצר. ווען א מענטש האט יראת שמים, ווייסט ער אז די גאנצע תורה איז אן אוצר, און ער לייגט צו נאך גדרים און נאך סייגים כדי ער זאל חלילה אויף קיין פאל נישט צוקומען עובר צו זיין אויף דעם וואס שטייט אין די תורה. ער מאכט גזירות דרבנן און גדרים וסייגים, כדי מ'זאל חלילה נישט צוקומען אפילו צו א ספק ספיקא פון עובר זיין אויף די תורה.

דער רבי נח פיאסעצנער ברענגט ווייטער אז חז"ל זאגן אויף און בן פלת אז זיין ווייב האט אים געראטעוועט. זי האט אויפגעדעקט איר האר און זיך געזעצט ביי די טיר פון איר שטוב, און צוליב דעם איז קיינער נישט אריינגעקומען, און אזוי איז און בן פלת געראטעוועט געווארן פון שאול תחתית. עס שטעלט זיך לכאורה א קשיא: איז דען דא אן איסור דאורייתא אריינצוגיין אין א שטוב וואו א פרוי זיצט מיט אפענע האר? מ'טאר טאקע נישט קוקן, אבער מ'טאר נישט אריינגיין? נאר וואס דען, אידישע קינדער זענען "ישראל קדושים" און זיי האבן געמאכט גדרים וסייגים. אז זיי זענען א פלאץ וואו מ'קען צוקומען צו הרהור אדער פוגם זיין אין שמירת עינים און שמירת המחשבה, אנטלויפן זיי דערפון ווי פון פייער, און אין דעם זכות האט זי געראטעוועט איר מאן פון שאול תחתית.

רבי נח זאגט ווייטער אז חלילה פארקערט, איינער וואס איז א מיקל און עס שטערן אים נישט די גדרים וסייגים פון אונזערע חכמים, עס אינטערעסירט אים נישט און ער האט נישט קיין געפיל דערצו, אזא איינער פאלט אריין אין שאול תחתית. מיר דארפן היטן די תורה ווייל "כי הם חיינו ואורך ימינו", און זיך נישט אוועקרירן פון די יסודות התורה אפילו כחוט השערה, און זיך נישט וויסנדיג מאכן פון די אלע וואס לאכן אפ. אזוי שרייבט ער. זעען מיר דא א געוואלדיגן יסוד און גדרים וסייגים.

## אהבת השם און די סכנה פון די כלים א גרויסע פארציע פון אהבת השם

דער הייליגער רבי יאנקעלע פון פשעווארסק זצ"ל ברענגט אין פרקי אבות אז ער האט געהערט פון רבי מענדעלע פריסטיקער, אז מ'האט אמאל געפרעגט א חסידישן איד: **פארוואס גייסטו מיט א גרויסער קאפל, א גרויסער טלית קטן און לאנגע פאות? האט ער געענטפערט: א זאך וואס מ'האט ליב, נעמט מען א ברייטע פארציע.**

רבי יאנקעלע ברענגט ארויס אז גדרים וסייגים ווייזן ארויס די אהבה וואס א מענטש האט צו די מצוות התורה. אויב ער זעט אז דער אייבערשטער האט עפעס נישט ליב, דעמאלטס האט ער עס אויך נישט ליב און ער דערווייטערט זיך דערפון, און ער טוט אלעס אין די וועלט צו זיין דערווייטערט דערפון. אויב ער זעט אז דער אייבערשטער האט עפעס ליב, וועט ער טון אלעס אין די וועלט צו זיין נאנטער און נאנטער, און זיך מער און מער אריינטון אין די זאך וואס דער אייבערשטער האט ליב. פון אלע "לא תעשה'ס" אנטלויפן מיר וואס ווייטער, ווייל דער אייבערשטער האט עס נישט ליב, און מיר ווייזן פארן אייבערשטן ווי שטארק מיר האבן אים ליב דורך דעם וואס מיר דערווייטערן זיך נאך מער און מער. א זאך וואס דער אייבערשטער האט ליב, האבן מיר אויך ליב און מיר נעמען אסאך דערפון.

לעניננו, דאס איז קלאר און אויף דעם איז נישטא קיין חילוקי דעות, אז טעכנאלאגיע – טעקסט, אימעיל און אלע מיני אינטערנעט אויף אלע אופנים – האט געברענגט שרעקליכע חורבנות. ס'איז נישטא קיין ספק אז דורך די אינטערנעט איז מען עובר אויף "ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם". אויף דעם איז אויך נישטא קיין חילוקי דעות אז אין די אינטערנעט איז דא שאול תחתית; אלע מיני כלים, טעקסט, אימעיל, און נאך ערגער פון דעם – סמארטפאונס און טאבלעטס. ס'איז נישטא קיין שאלה דערויף, ס'איז ברור כשמש אז "הרבה חללים הפילה".

און מען קען זאגן אז דאס וואס עס שטייט ביי די ספרי מינות ואפיקורסים, "כל באיה לא ישובון", מיינט אז עס איז זייער שווער — איינמאל מען פאלט אריין און מען ווערט צוגעטשעפעט צו די טעכנאלאגישע כלים — אז מען זאל קענען צוריקקומען און תשובה טון. אלעס קען מען טון, ווייל אין די תורה הקדושה שטייט "כי לא ידח ממנו נדח", אבער עס איז שווער.

עס איז אן עדיקשאן, עס איז א צוגעקלעבטקייט וואס ברענגט אראפ א מענטש אויף א זייער שוואכן אופן, און אויף פילע מיני אופנים: זאל עס זיין ביטול זמן, ליצנות, לשון הרע, רכילות, זוהמא, אדער שמוץ — עס מאכט נישט אויס. עס איז ברור כשמש, און אויף דעם דינגט זיך קיינער נישט, אז דאס איז א פתח פתוח פאר עבירות, פאר שמוץ, פאר קאלטקייט אין אידישקייט, און פאר יעדע זאך וואס איז נישט בקדושה.

וויפיל קדושה האט דאס שוין מוסיף געווען ביים כלל ישראל? מען קען זאגן גארנישט, אדער על כל פנים זייער ווייניג, כמעט גארנישט. יעדע זאך לייגט צו עפעס קדושה; די ראדיא האט צוגעלייגט, די טעלעוויזיע האט צוגעלייגט, די ווידיאס לייגן צו — אלעס לייגט צו. דער יצר הרע מוז דאך האבן א קיום, לאזט ער אריין אביסל קדושה.

אבער בעצם, באמת גערעדט, וויפיל הייליגע און טהורות'דיגע אידישע נשמות זענען חרוב ונחרב געווארן? וויפיל שטובער זענען צוגרונד געגאנגען? וויפיל גראביאנישע שמוציגע עבירות האבן די טעכנאלאגישע כלים שוין געברענגט אויף דער וועלט? אלע שאול תחתית'ער, אלע יצר הרע'ס פון אלע יארן זינט בריאת העולם ביזן היינטיגן טאג, אלעס אינאיינעם געפינט זיך אין די טעכנאלאגישע כלים. עס איז נישט קיין חילוק צי עס הייסט טעקסט, אימעיל, אפענע אינטערנעט, אדער געפילטערטע אינטערנעט. יעדע מין טעכנאלאגישע כלי האט חרוב געלייגט און לייגט חרוב מדי יום ביומו. אויף דעם איז דאך נישט דא וואס זיך צו דינגען.

אשר על כן, שטעלט זיך יעצט א שאלה: ווער זענען די וואס געבן ארויס די גליונות? ווער זענען די בעלי דרשנים? ווער זענען די עסקנים?

זאגט רבי נח פיאסעצנער: דאס זענען אידן וואס האבן יראת שמים, אידן וואס האבן ליב דעם אייבערשטן, און זיי קאכן זיך אין אהבת השם און אין יראת השם. נו, וואס ווילסטו זיי זאלן שרייבן? זיי זוכן משפיע צו זיין און מעורר צו זיין ביים כלל ישראל, אז די הייליגע לעבטיגע אידישע קינדער זאלן פארשטיין און ארויסהאבן אז דער אייבערשטער האט דאס נישט ליב — דער אייבערשטער האט דאס פיינט! אין די תורה הקדושה שטייט: "וְלֹא יִרְאֶה בְךָ עֶרְוַת דָּבָר וְשָׁב מֵאַחֲרֶיךָ".

דא שטייען אידן וואס היטן אפ כלל ישראל, זיי בעטן זיך ביי כלל ישראל און זיי מעורר: מאכט זיכער אז דער אייבערשטער זאל נישט ווערן אוועקגיין פון אונז. אז דער אייבערשטער האט עס פיינט, האבן מיר עס אויך זייער פיינט, און מיר מאכן גדרים און סייגים. מיר זוכן נישט קיין קולות; יא, מיר זוכן חומרות, ווייל א זאך וואס דער אייבערשטער וויל נישט, זוכן מיר צו אנטלויפן פון יעדע זאך וואס האט נאר א שייכות דערמיט. אוועקגיין, אוועקגיין, אוועקגיין.

אויב דו פארשטייסט דאס נישט, ווייסטו וואס דיין ארבעט איז קודם? זעץ דיך קודם לערנען וואס יראת שמים מיינט. הייב אן קודם אריינטראכטן צי דו האסט מורא פון זמן קריאת שמע, אדער פון זמן תפילה. ווען ביסטו בודק דיינע ציצית? ווען האסטו לעצטנס בודק געווען דיינע תפילין? דו רעדסט מיט די תפילין אויף דיר? דו גייסט מיט די תפילין און ביסט מסיח דעת? האסטו א גוף נקי? וויאזוי זעט אויס דיין שמונה עשרה? וויאזוי זעט אויס דיין שמירת הלכות שבת? הייב אן קוקן וואו דיין יראת שמים האלט. אויב ביסטו נישט קיין בעל יראת שמים, אויב ביסטו נישט איינער וואס זוכט צו נעמען א גרויסע פארציע פון דעם וואס דער אייבערשטער האט ליב, און זיך דערווייטערן פון דעם וואס דער אייבערשטער האט נישט ליב האב איך נישט פאר דיר טאקע גארנישט וואס צו מעורר זיין

אבער פאר די יראי השם נישט נאר אז מען נעמט נישט וואס ער האט נישט ליב, נאר איך אנטלויף דערפון און מאך גדרים וסייגים כדי קיינמאל נישט צוקומען אפילו נאנט צו א ספק ספיקא פון עובר זיין אויפן רצון השם, חלילה וחלילה פוגם צו זיין אין קדושה אדער אין די תורה הקדושה.

אויף וואס דען דארף מען עסקנים? אויף וואס דען דארף מען רבנים? אויף וואס דען דארף מען דרשות און גליונות? נאר כדי צו ווייזן פאר כלל ישראל אז חז״ל האבן געזאגט: מען בלאזט נישט קיין שופר און מען שאקלט נישט קיין לולב ווען עס געפאלט אום שבת; מען איז מבטל מצוות עשה דאורייתא, ווייל מיר ווייסן ווי שטארק דער אייבערשטער האט ליב דעם שבת און ווי שטארק ער וויל מיר זאלן אים היטן. חז״ל האבן געוואוסט אז דאס וויל דער אייבערשטער, האבן זיי אוועקגעשטעלט גדרים וסייגים אויפן שבת. איי, עס קומט אויף א חשבון פון שופר אדער לולב ואתרוג? מיר טראסטן אז חז״ל האבן געוואוסט וואס עס איז מער באליבט ביים אייבערשטן, וואס איז העכער פון וואס, און וואס שטופט אוועק דאס אנדערע.

### פארשטיין דעם רצון השם אין יעדע סיטואציע

דאס פארשטייט יעדער איינער, אז ווען איינער איז חלילה נישט געזונט יום כיפור, ער ליידט אויפן הארץ און דער דאקטער זאגט אז עס איז סכנת נפשות פאר אים צו פאסטן, וועט יעדער זאגן פאר דעם איד: דו טוסט אן עבירה אויב דו פאסט, עס איז א מצוה צו עסן. דו דארפסט מאכן א ברכה מיט שמחה און דאנקען דעם אייבערשטן. די זעלבע מצוה און דער זעלבער באשעפער וואס האט באפוילן צו פאסטן, האט דאך באפוילן פאר דיר צו עסן — אלע אידן ווייסן דאס.

אבער הייליגע לעבעדיגע אידישע קינדער, איר ווייסט אויך וואס פאר א צער כביכול, וואס פאר א צער גלות השכינה, און וואס פאר א צער די נשמות הקדושות וטהורות האבן? וואס פאר א צער אונזערע עלטערן בעולם הזה ובעולם הבא, אונזערע רבי״ס און צדיקים, און די תורה הקדושה האבן ווען א איד איז פוגם א קליינע חוט השערה׳דיגע פגם, כל שכן וכל שכן דורך די טעכנאלאגיע וואס טויזנטער נשמות זענען שוין דורך דעם חרוב געגאנגען און הונדערטער שטובער גייען צוגרונד מדי יום ביומו. קומט דאך אויס, וואס דארף א איד טראכטן? וואס איז דער רצון השם? איז דא א נחת רוח, א תענוג, אדער א ריח ניחוח לה׳ פון די כלים? אדער איז זיכער דער רצון השם אז מען זאל אנטלויפן דערפון און נישט האבן קיין שום שייכות דערמיט?

אגב, מיר זענען געווען ביי א קבלת פנים, און מען האט געזאגט פאר די עדים זיי זאלן אויסטון דאס גארטל און עס איבערגעבן פארן חתן צו מאכן א קנין אויף די כתובה. האט זיך איינער אנגערופן: מען קען דאך נעמען א סעלעפאן, עס איז א כלי, מען קען מאכן א קנין מיט א סעלעפאן. האבן מיר אים געזאגט: חלילה וחלילה! א קנין, א קנין דאורייתא, און בפרט ווען מען שטעלט דא אוועק א אידישע שטוב, קען מען דען מאכן א קנין מיט אזא כלי? אפשר קודם כל, ווער זאגט אז די כלי איז בכלל כשר? און אפילו אויב עס איז כשר, א כלי וואס ברענגט אזויפיל מכשולות אויף דער וועלט, דאס זאלן מיר נוצן פאר אן עדות דאורייתא? דאס זאלן מיר נוצן אלס עדות אוועקצושטעלן א אידישע שטוב? חלילה וחלילה! דאס איז נישט עקסטרעם, דאס איז יראת שמים.

אז מען האט מורא פונעם אייבערשטן, מען האט אים ליב און מען האט א יראת הכבוד צו אים, ווייל מען אים ווייזן: וואס דו האסט נישט ליב, האב איך זייער נישט ליב, און וואס דו האסט ליב, האב איך זייער ליב. דעריבער מאכט מען גדרים וסייגים און מען איז מוסיף דערויף.

די יראי השם זענען מודיע יעדע חשש שבחשש וואס קען ברענגען א חסרון, איז מען מודיע . וועגן דעם טוט מען כסדר מפרסם זיין אלע מיני טעלעפאנען, קארס, טראקס און מאשינען — וואס עס איז נאר שייך מפרסם צו זיין. דאס איז פאר די אידן וואס האבן יראת שמים, פאר די וואס ווילן האבן יראת שמים און טון דעם רצון השם. זיי ווילן ליב האבן וואס דער אייבערשטער האט ליב און פיינט האבן וואס ער האט פיינט. זיי ווילן האבן

אסאך פון דעם וואס ער האט ליב, און גארנישט האבן — נאר זיך דערווייטערן און דערווייטערן — פון דעם וואס ער האט נישט ליב, אדער פון וואס עס קען חלילה ברענגען צו א מצב פון פוגם זיין אין א פלאץ וואו ער וויל נישט מיר זאלן פוגם זיין. דאס איז די סיבה פארוואס מען טוט אזוי שטארק מעורר זיין אידן, ווייל מען רעדט טאקע צו די אידן וואס האבן יראת שמים און ווילן וויסן וואס דער אייבערשטער וויל, און מען העלפט זיי דאס מודיע זיין.

## תמימות קעגן אויפגעקלערטע חכמות

רבי נחמן שרייבט אין ליקוטי מוהר״ן: חכמות זענען מזיק פאר א מענטש, עס שעדיגט דעם מענטש. קלוגע מענטשן ווערן אריינגעכאפט אין די נעץ פון זייערע אייגענע חכמות, און מען דארף זיך דערווייטערן פון דעם. כדי צו דינען דעם אייבערשטן פאָדערט זיך נישט צו זיין קיין חכם, נאר מען דארף זיין א תמים; מען דארף צוגיין צו אים מיט פשיטות און תמימות – נישט זיין קיין שוטה, אבער יא פירן זיך מיט תמימות.

ווען אידישע קינדער זעען אז די עסקנים, די רבנים, די יודעי דבר און די וואס פארשטייען, קומען ארויס מיט א חשש שבחשש, זאלסטו וויסן אז אונטער דעם ליגן פילע ידיעות און פילע זאכן וואס מען קען נישט, מען וויל נישט, אדער מען דארף נישט זאגן.

פארשטיי אבער איין זאך: קיינער זוכט נישט סתם אזוי צו אסר'ן, און קיינער זוכט נישט צו באנייען אדער אויסטרעפן נייע חומרות ביי כלל ישראל. מיר פרובירן, און יעדער איד פרובירט – מיר זענען דאך אלע שותפים אין דעם, ״כל ישראל ערבים זה בזה״ – מיר זענען ערבים איינער פארן צווייטן נישט צו לעבן אין אויפגעקלערטע חכמות, נאר צו לעבן מיט תמימות. תמימות מיינט אז איך זוך נישט קיין חכמות; אויב גראדערהייט איז עפעס נישט גוט פארן באשעפער און פאר מיין נשמה, איז עס פאר מיר אויך נישט גוט.

שלמה המלך זאגט אין פסוק אין קהלת: ״בכל עת יהיו בגדיך לבנים ושמן על ראשך אל יחסר״. רבי ישראל סאלאנטער ערקלערט אז עס איז נישט גענוג פאר א מענטש בלויז צו לערנען תורה און טון מצוות ומעשים טובים; ער דארף זען אז זיינע קליידער זאלן זיין ווייס און לויטער. ער זאל שטענדיג טראכטן אז ער האלט אויפן קאפ א פולן טעלער מיט אויל בשעת ער טראגט א ווייס, ריין קלייד. דעמאלטס וועט ער ביי יעדע תנועה וואס ער מאכט, ביי יעדן בייג וואס ער גיט זיך, און וואו אימער ער שטייט אדער גייט, זיין גאר פארזיכטיג אז די אויל פון זיין קאפ זאל זיך נישט אויסגיסן אויף די ווייסע קליידער און אים פארשמוציגן.

״בכל עת״ – א מענטש דארף שטענדיג טראכטן אז ער געפינט זיך אין א מצב פון ווייסע קליידער מיט א טאפ אויל אויפן קאפ.

רבי ישראל סאלאנטער זאגט אז א מענטש דארף שטיין אויף דער וואך פיר-און-צוואנציג זיבן קעגן יעדן חשש שבחשש אז ער קען שמוציג ווערן – צי אין מחשבה, דיבור אדער מעשה, אדער אויף סיי וועלכן אופן שבעולם. וואו עס קען נאר זיין א קליינע שמוצל, דארף מען אנטלויפן דערפון.

דערפאר זאגט שלמה המלך ״ווייסע קליידער״, ווייל אויף ווייס זעט מען אפילו דאס מינדסטע שמוצל. אויף אנדערע קאלירן באמערקט מען נישט אזעלכע קליינע זאכן, אבער אויף ריין ציכטיג ווייס זעט מען עס יא, ווייל דאס איז די עבודת הקודש פון א איד.

## די פליכט זיך אליין צו היטן אין רוחניות

די ספרים הקדושים ברענגען ארויס אז ביי ברכת כהנים שטייט ״יברכך ה׳ וישמרך״. ״יברכך״ מיינט מיט נכסים, אז דער אייבערשטער וועט געבן פרנסה, און ״וישמרך״ מיינט אז ער וועט אפהיטן דיינע נכסים; דער פסוק רעדט דאך פון גשמיות. דערנאך שטייט ״יאר ה׳ פניו אליך״, ער וועט דיר געבן א מאור פנים. רבי נתן זאגט אז דאס באציט זיך צום מאור השכינה אדער מאור התורה, דאס הייסט אז דא רעדט מען שוין פון רוחניות. אבער דא שטייט שוין נישט ״וישמרך״. לכאורה איז דאס שווער: ביי גשמיות שטייט ״וישמרך״, אבער ביי רוחניות שטייט עס נישט? עס וואלט דאך געדארפט זיין פונקט פארקערט! חז״ל זאגן אז רוחניות קען מען פארלירן אזוי שנעל ווי גלאז; עס איז אזוי האקל ווי גלאז און מען קען עס גאר שנעל פארלירן. אויב אזוי פאָדערט זיך דאך א שמירה יתירה, און עס וואלט געדארפט שטיין ״וישמרך״ אויך ביי רוחניות.

נאר דער תירוץ איז, אז ביי גשמיות דארף מען טאקע א שמירה מן השמים, ווייל די רגע וואס א מענטש האט א שייכות מיט גשמיות, געפינט ער זיך שוין אין א פלאץ וואו מען קען גרינג געשעדיגט ווערן, און דארט פאָדערט זיך די שמירה פון ״אם ה׳ לא ישמר עיר שוא שקד שומר״. אבער רוחניות איז אנדערש: עס איז טאקע זייער לייכט און האקל ווי גלאז און קען זיך שנעל צוברעכן, אבער פון דער אנדערער זייט וועט דיר נישט העלפן קיין שמירה מלמעלה. דער אייבערשטער זאגט: דו דארפסט זיך אליין היטן. אין גשמיות קען איך דיך אפהיטן, אבער אין רוחניות זאלסטו זיך אליין אפהיטן. דער אייבערשטער וויל אז א מענטש זאל אליין הארעווען זיך צו היטן.

״כל הרואה סוטה בקלקולה יזיר עצמו מן היין״ – אויב דו זעסט א סוטה אין איר נידריגן מצב, דארפסטו זיך אפשיידן פון וויין. מכשולות פאסירן נישט מיט אמאל, עס געשעט צוביסלעך. די תורה זאגט נישט בלויז ״היט דיינע אויגן״, נאר ״שייד דיך אפ פון וויין״ – גיי צו די שרשים און אנטלויף פון די זאכן וואס קענען חלילה ברענגען צו אזעלכע הארבע זאכן.

עס איז דא א מאמר אין די ספרי מוסר אז די וועלט שטייט ביים עפענונג פון א תהום, מיט שאול תחתית פון איין זייט און שאול תחתית פון דער אנדערער זייט, און אינדערמיט לויפט א קליינע דינע האר. מיר שטייען אויף יענער האר אינדערמיט; איין בייג אהער אדער אהין, און מען קען חלילה אריינפאלן.

״יצרו של אדם מתגבר ומתחדש עליו בכל יום״, זאגט די גמרא אין קידושין, ״ואלמלא הקדוש ברוך הוא עוזרו לא יכול לו״. ״צופה רשע לצדיק ומבקש להמיתו״ – דער יצר הרע פון טעכנאלאגיע לויפט נאך די צדיקים. דו ווייסט וועמען ער לויפט נאך? די ערליכע קינדער, די ערליכע בחורים, די ערליכע יונגעלייט, די ערליכע מיידלעך און פרויען. אזוי שטייט אין פסוק: ״צופה רשע לצדיק״ – דער רשע זוכט דוקא דעם צדיק אים צו הרגענען. דוקא די ערליכע און פרומע דארפן מאכן שטארקע גדרים וסייגים און שטיין אויף דער וואך.

דער שפת אמת זאגט אויפן פסוק ״לא יחל דברו ככל היוצא מפיו יעשה״: ווען א מענטש נעמט אויף זיך גוטע קבלות זיך צו האלטן ערליך און טון נאר וואס עס שטייט אין די תורה, גיט אים די קבלה אליין דעם כח און די שטארקייט ער זאל קענען אנהאלטן זיין קבלה. ״לא יחל דברו״ – מיט דעם וואס ער זאגט ארויס א קבלה מיט זיין מויל, וועט די קבלה זען אז ״יעשה״, עס זאל טאקע מקוים ווערן.

אויב א איד וויל זיין און בלייבן ערליך, דארף ער וויסן וואס די נסיונות זענען און פארשטיין אז די נסיונות מיינען אים פערזענליך. ער דארף גלייך מאכן גדרים וסייגים און נעמען גוטע קבלות. עס עקזיסטירט נישט אזא זאך אז א מענטש זאל זאגן ״מיר איז עס נישט נוגע״; אלעס איז נוגע פאר יעדן איינעם, ווייל ״צופה רשע לצדיק ומבקש להמיתו״. כדי א איד זאל נישט נכשל ווערן און נישט באקומען קיין פגם אין זיין הייליגער און ריינער נשמה, און כדי ער זאל קענען דורכמאכן די שווערע נסיונות פון דעם גלות וואס רופט זיך טעכנאלאגיע, דארף ער מיטהאלטן מיט די עסקנים, רבנים, משפיעים און ראשי ישיבות וואס שטייען אויף דער וואך ״משמרת למשמרת״. צו מאכן גדרים וסייגים און א משמרת למשמרת איז א מצוה דאורייתא; די תורה פאָדערט דאס פון אונז, און דאס פארענטפערט אלע קשיות.

מען דארף נישט געבן קיין עצות וויאזוי מען קען יא האבן טעכנאלאגיע. מען דארף נישט זוכן קיין היתרים, און מען דארף נישט מודיע זיין פארן ציבור וואס איז בעסער און וואס איז שוואכער; דאס פעלט בכלל נישט אויס. דער יצר הרע מעלדט עס שוין, דער יצר הרע זאגט עס, דער יצר הרע איז עס שוין מפרסם, ער מאכט שוין זיכער אז יעדער איינער ווייסט. דאס איז נישט אונזער ארבעט. דאס איז די ארבעט פון די ״התחכמות״, פון די מענטשן וואס גייען צו מיט אן אייגענע חכמה. אזוי האבן געטון די משכילים, און אזוי האבן געטון די אפיקורסים און די מינים; דאס איז געווען זייער ארבעט. דאס האבן זיי פרובירט צו טון. א איד דארף דאס נישט; דער יצר הרע טוט שוין א זייער גוטע ארבעט דערויף, און מיר דארפן אים נישט ארויסהעלפן.

## די תפקיד פון עסקנים: מודיע זיין וואס דער אייבערשטער האט פיינט

אונזער ארבעט איז מודיע צו זיין און מפרסם צו זיין פאר יעדער אידיש קינד וואס האט ליב דעם אייבערשטן: איך וויל דו זאלסט וויסן וואס דער אייבערשטער האט ליב און וואס ער האט נישט ליב. דער אייבערשטער האט נישט ליב טעכנאלאגיע בכלל, און איך גיי דיר ווייזן, מודיע זיין און אויפקלערן וואס יעדע מין טעכנאלאגישע כלי קען אלץ צוברענגען, וואסערע נסיונות עס זענען דא דערביי, און וויפיל אידן זענען דורכגעפאלן, כדי דו זאלסט אליין קענען אפטייטשן און אפשאצן: ״אה, דאס האט דער אייבערשטער נישט ליב, דאס קען ברענגען א פגם.״ דא ליגט די מצוה מן התורה פון גדרים וסייגים, פון עשיית משמרת למשמרת.

דער אמת איז אז מיר טרעפן אין די תורה, כמעט אין יעדע הלכה, אזויפיל גדרים וסייגים כדי מען זאל נישט צוקומען צו קיין ספק ספיקא. יעדע טעכנאלאגישע כלי האט אין זיך ״בכח״ דעם צד הסטרא אחרא. אפילו אויב דו האסט עס אפגעשפארט און דו האסט עס נישט ״בפועל״, איז עס אבער דארט ״בכח״.

יעצט, מה דאך א דבר שבקדושה, ווי א שופר אדער א לולב ואתרוג, וואס איז קדוש בתכלית הקדושה, עס איז הייליג און האט אין זיך גארנישט אנדערש ווי קדושה, דאך מוז מען עס לייגן אין א זייט און זאגן אז עס איז מוקצה אום שבת אדער יום טוב וואס געפאלט אין שבת; איז דאך אוודאי און אוודאי אזוי ביי א כלי וואס האט אין זיך דעם ״בכח״ – נישט בפועל ווייל דו האסט עס אפגעהיטן, אבער בכח איז דא אין יעדע טעכנאלאגישע כלי דער שאול תחתית, רחמנא ליצלן, דער הייליגער באשעפער זאל אפהיטן. אוודאי און אוודאי אז פון יעדע כלי, ווי מער מען קען שטיין ווייט און זיך דערווייטערן, איז מען מחויב מדאורייתא.

און אונז, ווער זענען מיר? מיר זענען אחינו בני ישראל, די ערליכע אידן וואס ווילן מקיים זיין ״שמע בני מוסר אביך ואל תטוש תורת אמך״, ״תורה צוה לנו משה מורשה קהלת יעקב״, ״ראשית חכמה יראת ה׳ שכל טוב לכל עושיהם״. די אידן ווילן הערן. איך וויל הערן אלע פראבלעמען, אלע ספק ספיקות פון פראבלעמען; זאג מיר אויף יעדע זאך וויאזוי מען קען נכשל ווערן. זאג מיר, ווייל איך וויל נישט האבן אין מיין רשות גארנישט וואס דער אייבערשטער האט נישט ליב, אדער וואס

איז א שונא צום אייבערשטן חלילה, אדער וואס קען אפילו צוברענגען דערצו.

איך וויל דיר פרעגן א שאלה: שטעל דיר פאר דו ביסט א חסיד פון א געוויסע רבי, און עס איז דא א איד וואס האקט אויף דיין רבי׳ן. ער האקט, ער מאכט חוזק און ליצנות, ער געבט ארויס צעטלעך קעגן דיין רבי׳ן און זאגט ליגנט אויף אים. און איך גיי דיר ברענגען א גליון וואס דער מענטש געבט ארויס און איך וועל דיר זאגן: ״דא שרייבט ער נישט קעגן דיין רבי׳ן, מעגסט עס לערנען און ליינען.״ וואס וועסטו טון מיט דעם גליון? בדרך הטבע וועסטו עס פארברענען, דו וועסט עס נישט וועלן האלטן אין די האנט און אפילו נישט וועלן וויסן פון אזא גליון. עס וועט דיך גרוילן, און באמת גרוילן. פארוואס? וואס איז די פראבלעם? אין דעם גליון רעדט ער דאך נישט אויף דיין רבי׳ן? די תשובה איז: ער טארף נישט רעדן אין דעם גליון אויף מיין רבי׳ן. א מענטש וואס רעדט אויף מיין רבי׳ן איז ביי מיר פארמיאוסט מיט אלעס וואס באלאנגט צו אים, זיינע שיך און זיינע הויזן אויך; אלעס וואס האט מיט אים א שייכות איז ביי מיר פארמיאוסט. דאס שטייט נישט אין די תורה, עס איז שכלי, עס איז דער מענטשליכער טבע.

איז דאך כל שכן וקל וחומר די טעכנאלאגישע כלים וואס זענען פארמיאוסט ביים אייבערשטן. דארט טרעפט מען די גרעסטע ליצנות, די גרעסטע כפירה, די גרעסטע שמוץ און די גרעסטע זוהמא. דאס איז די מציאות פון די טעכנאלאגישע כלי. מיר דארפן זיך דערפון פארגרוילן, די כלי דארף אונז וויי טון. מיר ווילן אנטלויפן פון דעם. איך וויל הערן און וויסן אויף יעדע כלי אין די וועלט אויב עס איז עפעס וואס איז מורד במלכות שמים חלילה, און פון דעם וויל איך אנטלויפן.

ממילא דארף מען מחזק זיין די עסקנים, די בעלי דרשנים, די שרייבערס, און יעדן איינעם וואס טוט אין טעכנאלאגיע און אין די אלע ענינים פון מבדיל זיין בין אור לחושך ובין ישראל לעמים. מען דארף זיי מחזק זיין, מען דארף עס הערן, ליינען, מיטהאלטן און זיין א חלק דערפון, ווייל אזוי ווייזן מיר ארויס אונזער יראת שמים און אונזער אהבת השם. מיט דעם זענען מיר אפגעהיטן, און מיט דעם האפן מיר אז מיר אליין זאלן זיין אפגעהיטן און חלילה נישט שטיין נאנט צו די מנאצי השם.

די טעכנאלאגישע כלים זענען מנאצי השם, רחמנא ליצלן. דער הייליגער באשעפער זאל אפהיטן. כאטש מיר ווייסן אז אלעס באשאפט און מאכט דער אייבערשטער, אבער מיר ווייסן אויך אז דער אייבערשטער האט אונז אראפגעשיקט אויף די וועלט נאכן חטא אדם הראשון כדי עס זאל זיין א ״פארקערטע זייט״ רחמנא ליצלן, און מיר זאלן מברר זיין די ניצוצים הקדושים פון די וועלט, און מבטל זיין און מבער זיין דאס רע מן העולם דורך דעם וואס מיר דערוווייטערן זיך דערפון און מיר זענען עומד בנסיון.

ממילא, יונגלעך, בחורים, מיידלעך, יונגעלייט און פרויען, און אלע אידן: מען צושפרייט די אלע דרשות און צעטלעך, מען קוקט עס אדורך בכובד ראש, מען שמועסט עס אויס, און מען איז מקבל את האמת ממי שאמרו. דאס איז נישט קיין עקסטרעמיזם. עקסטרעם וואלט געווען ווען מען וואלט אפילו נישט געשטאנען צוויי הונדערט פיס נאנט צו קיין שום סעליולער טעלעפאן; דאס וואלט אפשר געווען עקסטרעם. הלוואי וואלטן מיר זוכה געווען צו דעם, הלוואי וואלטן מיר זוכה געווען אז מען זאל נישט דארפן שטיין אפילו טויזנט פיס נאנט צו קיין שום טעכנאלאגישע כלים, אבער עולם כמנהגו נוהג. די וועלט גייט אן, און מיר דארפן זיך מקדש ומטהר זיין אין דעם גלות, אין די וועלט, און זען וואס אונזער תפקיד איז. דאס איז די תשובה אויף די אלע שאלות.

הצלחה, ברכה, און סיעתא דשמיא. וטהר לבנו לעבדך באמת, און מען דארף מתפלל זיין ״כי תעביר ממשלת זדון מן הארץ ואת רוח הטומאה תעביר מן הארץ״, בביאת משיח צדקנו, אמן.